# געדאנקען און מאטיווען:

(ליעדער און פראָזע).

1) דער לעצטער מענש

(פון דעם נסתר'ס כתבים).

2) מרים

(א פירוש אויפ'ן מאטיוו פון «Молитва дѣвы»)

---

**НИСТОРЪ.**

# Мысли и Мотивы

(Стихи въ прозѣ).

R

# דער לעצטער מענש.

(פון דעם נסתר'ס כתבים).

און אַז דער נסתר הערט, ווי מענשען זאָגען: „עס האָט זיך אונז געחלומט אַ חלום" — שווייגט ער, וואָרום ער הערט נישט איינמאָל, ווי חלומות זאָגען: „עס האָט זיך אונז געמענשט אַ מענש"....

און דער מענש זאָגט צום חלום:

„דו ביזט דער סימן פון מיין שוואַכקייט; דו ביזט דער סרים פון מיינע שענע ווייבער, ווען איך האָב זיי יאָ, און מיין עברה־מעקלער, ווען איך האָב זיי נישט; דו ביזט מיין געפליגעלטער אמת, נור אָהן הענד און אָהן פיס"...

און דער חלום זאָגט צום מענשען:

„דו ביזט אַפילו פון מיין שוואַכקייט קיין סימן נישט; דיינע שענע ווייבער האָבען זיך ערשט נעכטען צו מיר פאַר פילגשים געבעטען; דיינע זיס־אָרגישע נעכט־פערברייננגעצען זענען מיינע פויל אַפּאַטישע אומעט־גענעצען; דו ביזט סולטאַן אויף די בריאים, וואָס ווערען בעשאַפען פונ'ם שווייס פון מיינע פאַחוועס; דו ביזט מיין בלינדער שקר, מיין בלינדער שטן, נור מיט לאַנגע גולם־שע הענד און פיס"....

און די קריעג איז און ווערט זיין אַנ'אייבינע.... ווער פון זיי איז גערעכט?

איך וויל אייך עפּיס דערצעהלען.

און געווען איז דאָס ביי מיר אין דער מינוט, ווען אַ קיהלליכער שפּפּערישער שוידער בעהערשט מיך, און מיין גאַנץ חיות, גיך ווי קוועקזילבער, שטומט אַ שטראָם דורך מיין חוט השדרה און קומט מיר אין מח, ווי אַ שאַרף שפּיציגע אָנגעגליהטע נאָדעל — אָט־אָט לעכערט זי דעם כח און פליהט אַרויס און דאַן... דאַן, אָדער איהר, מענשען, מיר די הענד מיט די פיס פענטעט און וואַרפט מיך אין דול־הויז, אָדער איך אייך פאַר געטער מאַך....

עס איז ביי מיר געווען אין דער מינוט, ווען איך דערזעה און דערפיהל, ווי ווייט בין איך פון אייך און ווי נאָך ווייטער איך פון גאָט בין... אין דער מינוט, ווען די שטומע וועלטרעטעניש מיט פערגליווערטען וואונדער און שרעק אין די אויגען, מיט פערגליווערטע „פאַר־וואָס"־אויגען, ווי ביי אַ קאַלב פאַר דער שחיטה, מיט האַרט געשלאָסענע ציין, ליפען



151121

און קין=באַקען—קומט און רוקט צו דאָס שטומע פנים גלייך צום נכתר׳ס, שטרעקט אויס דעם האַלז, ווי איינער רעדט: „קוילע, אַבי עפּען! שנייד, אַבי פֿערגרינגער!"....

און ביי דער נאַטור איז דאָס געהען אין דער גרויסער מינוט פֿון פֿערגעהן, אונטערגעהן און אויסגעהן: אין דער מינוט, ווען צער, וועלט=שמערץ, עלענד און רחמנות וואַרפֿען אייגענע הענד אויפ׳ן צווייטענס אַקסעל, האַרץ צו האַרץ, שטאַרען צו שטערען, בינדען אויס אַנ׳עינול און גיסען אויס די גרויסע האַרץ=תפֿלה, די תפֿלה, וואָס, זי הערענדיג, לאָזט דער וואָלף די שאָף פֿון די ציין אַרויס, — וואָס זי הערענדיג, בייגט דער לייב דעם גוף איין פֿאַר׳ן קדוש: „רייט אויף מיר"! — די גרויסע האַרץ=תפֿלה, די גרויסע האַרץ=פֿראַגע: „צוליעב וואָס? פֿאַר וואָס? און נאָך וואָס?

ס׳איז בין השמשות דאַן געוועזן.... און, ווי געוועהנליך אין דער צייט, אויך דאַן האָב איך זיך אויף די קניע געשטעלט, די הענד צו=נויפֿגעלעגט און איבער׳ן קאָפּ גענומען, און — פֿריהער פֿערמאַכענדיג די אויגען, זעהענדיג אַ הימעל אין זיך, נאָכדעם זיי עפֿענענדיג און קעהרענדיג זיי אַרויף, זעהענדיג זיך אין הימעל—האָב איך מתפלל געווען...

דער הימעל האָט די ערד אַרומגענומען. די זון האָט אָהן שטראַהלען געשיינט און געוואַרט.

הויכע בערג האָבען איבער פלעצער און מאָלען אַריבערגעקוקט, אויסציהענדיג זיך אין דער גאַנצער הויך און גרויס: אָט=אָט וועט דאָס זיין, אָט ריהרען מיר זיך, געהען מיר, טהוען מיר, וואָס מען וועט הייסען...

שטורם=ווינטען האָבען דעם אָטעם פֿערהאַלטען....

דער לייב אין וואַלד האָט די פֿיס אונטער זיך געבויגען, דעם שענעם קאָפּ אויף דער ערד געלעגט און אַרויסגעקוקט רוהיג=קיכריש....

די גרויסע קאַראַוואַנעס, וואָס דערצעהלען דעם ווילדען מדבר, וואָס אין ישוב טהוט זיך, האָבען זייער ספור איבערגעריסען, און, ווי פֿערגליווערטע סודות זענען זיי אויפ׳ן האָריזאָנט שטעהן געבליבען....

אַלעם האָט אויף מיין וואָרט אַרויסגעקוקט....

און, — אַז איך האָב מיין תפלה געענדיגט און האָב דערפֿיהלט די שטילע אויסגעצווינגענע האָפֿנונג, וואָס פֿון יעדער פנים שטראַהלט אַ ר ו י ס און אַ ר י י ן אין מיר — האָב איך זיך פֿערשעמט און האָב דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט....

באַלד האָט די זון זיך אַ גיכען זעץ געטהון.... אַ נאַכט אַ שוואַרצע האָט זיך אַראָבגעלאָזט און אַלעם אַרומגענומען, און, — אַז איך האָב

רעס האַלז און אַקען אויס=געקערעוועט — האָב איך דערזעהן אַ לאַנגען=שוואַרצען צונג פֿון שטן ....

און ס'איז פלוצים אויף דער וועלט קיין איין מענש חוץ מיר נישט געבליבען.

וואוהין זענען זיי אַהין געקומען ?

הייליגע נשמות האָבען זיך אין הימעל בעזעצט, אונהייליגע זענען צו נישט געוואָרען. מפיסתופל איז אויף דר'ערד אראָבגעפאַלען....

און געטראַכט האָב איך מיר מיט טייוועלשער הנאה: איך בין דער עק פֿונ'ם אייביגען קנוילעכיל; איך בין דער שליסעל פֿונ'ם גרויסען פלאָנטער; איך בין דער סוף פֿון דער מעשה, וואָס האָט שוין געגודעט דעם דערצעהלער, דעם, וועמען מען האָט דערצעהלט און — ווער שמועסט — דער מעשה אַליין; איך בין דער פֿערקערפערטער וואונש פֿונ'ם גרויסען משוגע'נעם, פֿון קליגיליוס קיסר: איך בין דער קאָפּ פֿון דער גאַנצער מענשהיים....

און געטראַכט האָב איך מיר ווייטער און נאָך מיט מעהר הנאה: וויל איך מיר — לעב איך מיר, און אַט פֿערגלוסט זיך מיר — נעהם איך מיר אַ מעכער אָדער אַ שאַרפֿען קרעמען און לאָז זיך צו דער אָדער. דאָס לעצטע מענשען=בלוט איז רויטער ווי געוועהנליכ'ס. עס שפּריצט הייס, גיך מיט אַ פאַרע, יעדער טראָפּען וויל וואָס גיכער אַרויס. מפיסתופל קומט צו לויפֿען: דאָס לעצטע מענשען=חיות איז אויך זיין לעצט חיות.. וואָס פֿרעהליכער דאָס בלוט שפּריצט, אַלס געלער, אַלס טויטער ווערט מפיסתופלס פנים, ער שטרעקט די האַנד אויס צו מיין וואונד זי פֿער-אַמעווען, — איך גיב איהם אַ שטאַרקען קלאַפּ: „אַוועק, ס'איז מיין בלוט!" און דער שטראָם=בלוט ווערט געדיכטער און פֿולער. איך פֿיהל שוין אַ קעלט אין די שפּיץ פֿינגער פֿון די הענד און די פֿים. מפיסתופל געהט אַיין.... האַר אויס, כ'וועל דיר באַלד אָבצאָהלען פֿאַר אַלע וועלטען און אַלע דורות!.... און דער שטראָם ווערט אַלץ שוואַכער און שוואַכער. יאָ, עס איז שוין צייט! איך נעהם אַריין דעם אָרט פֿון שניט אין מויל אַריין. און איך הויב אָן זויגען. איך זויג, איך סמאָקע, איך ציפּע. דעם לעצטען כח גיב איך אַיך, ציין, אָב: טיעפֿער נעמט! אָט אַזוי!

און נאָך אַ מאָל און נאָך מיט מעהר כח. איך סמאָקע, איך ציפּע, איך זויג. איך וואַרף אַ בליק אויף מיין גוף — אַ בלאָהע שטיק מילך, אַ בליק אויף מפיסתופלען—ער ציטערט, ווי אַנ'אַלטער=קאַלטער גוף פֿון אַ זקן פֿאַר אַ הייסען יונגען גוף פֿון אַ מיידעל. וועה איז איהם, אַז איך האָב שוין אויף איהם רחמנות!.... און איך סמאָקע און איך ציפּע און איך זויג. גענוג! עס געהט שוין דער מאַרך, און געבליבען איז מיר שוין

מעהר קיין כח נישט, נאָר אָדער אַ ציטער טהון, אָדער אַ לעצטען אָהנ־
מעכטיגען זיפץ טהון און קוים־קוים אויף אַ שפיי טהון. נאָר, כ'ווייס ניט
פון וואַנען דער כח האָט זיך גענומען. צייט! איך האָב מפיסתופל'ן ביי
דער באָרד אָנגענומען און דעם קאָפּ איהם אויפגעשטעלט. ער האָט די
אויגען געעפענט פונקט נעגען מיינע. איבערגעקוקט האָבען מיר זיך אַ רגע
ציין, אַ אייביגקייט — ניין, טאַקי אַ רגע און... און מיט מיין גאַנצען אָטעם
האָב איך אויף איהם דאָס בלוט גלייך אין פנים אַ שפיי געטהון: טפוי!
און מוסיף געווען: „געקאָנצעט דיין שפיל, געענדיגט מיין טאַנק"... און
מיר פאַלעןביידע טויט...

אַזוי האָב איך געוואָלט טהון, נאָר געטהון האָב איך נישט: וואָס האָב איך
קיין צייט נישט? דערווייל לאָמיך ערגיץ געהן, און אַז כ'וועל געהן, וועל
איך זוכען, און זוכען וועל איך דאָס, וואָס מענשען האָבען קיין מאָל ניט
געהאַט און געטער האָבען קיין מאָל ניט פערלוירען... און כ'האָב אָנגע־
הויבען געהן... און געגאַנגען בין איך פון מערב קיין מזרח...

פאַר מיר לויפט דער אייביגער זשיד, ער האַפּט קוים דעם אָטעם,
ער שטופט דעם ווינד, דער ווינד איהם, ער לויפט פאָראויס און קומט צוריק,
ער רייבט די הענד און קנייטשט מיט די אויסגעדאַרטע אַקסלען, די אויגען
צום הימעל פערריסען: „אַ דאנק דיר, רבונו של עולם, אַנ'עק צו מיין
לאַנגען לעבען, אַנ'עק צו מיין לאַנגען גלות".

כריסטוס — אָהן דעם אויבערשטען קלייד און מיט דער
צושטיסענער לינקער באַק, וואָס נעהט אין מיין רעכטער האַנד,
טענה'ט צו בודאַ'ן וואָס נעהט אין מיין לינקער האַנד: „געוואַלד!
וואו נעהמט מען איצונד אַ בעלן אויף מיין אונטערשט קלייד און
אַ שמייסער צו מיין רעכטער באַק"... בודאַ שווייגט, ס'הייסט: „גאָרנישט"...

מפיסתופל געהט מיר נאָך פוס טריט. וואָס ער טהוט דאָרט, ווייס איך
נישט. כ'פיהל נאָר זיין הייסען אָטעם אויף מיין האַלז און אַקען...

און געגאַנגען בין איך פון מערב קיין מזרח... דער ווידער־קול פון
מיינע טריט איז דאָס פערדומפטע קול פון אַמאָליגע דורות, פון אוראַלטע
תקופות. שווערע צייטען, יאָהרען־אַלטע, גרייז־גראָהע יובלות, האָבען געוואָלט
איבעריאָגען די פריש געבוירענע יאָהרען, טעג, מינוטען, סעקונדעס, וואָס
זענען מיך איבערגעלאָפען און מיר צו די פיס געפאַלען... און געגאַנגען בין
איך פון מערב קיין מזרח... און כ'האָב געזוכט.

און הערט, וועמען כ'האָב געפונען. —

הערט: געפונען האָב איך זי! ווער איז זי? טייל זאָגען, אַז
אַ ציגיינער מיט אַ מאַי־נאַכט האָבען זיך געפאָרט, טייל זאָגען, אַז
אַ פרייער היים־געבאָרענער קאָזאַק האָט פערבלאָנדזשעט קיין אמאָל צו

Wandering Jew

Christ

Buddha

אַ יונגער גריבּישער רינגערין פֿון דער היילינגער פּיפּיע. דער נסתר אַליין זאָגט: „אַזאַ „זי" קאָן געבוירען און פֿערלירען אַ מענשהייט!"

מענשען! — זאָגט דער נסתּר — נעהמט אַייך אַלע צונויף, קומט אַלע אַהער, זי דעקט אַייך אויף איהרען אַמינדסטען פֿינגער, אַייערע נשמות צולען · זיך פּאַמעליך פּאַמעליך אויף אַ זיס־גליטשינגען ליעבע־פֿאָדעם פֿון יעדערענס האַרץ צו איהר שפּיץ נאָגעל. פֿון אַייערע אַלע נשמות ווערט אַבולבעלע און מיט איין „אוך" פֿון איהר רויזען־מויל: אוך—און עס ווערט פֿון אַייך נישט. מענש! זעה זי—און שטאַרב!

נעפֿונען האָב איך זי, און אָט ווי אַזוי: —

איך בין אַרויס אין פֿרייען פֿעלד. די נאַכט איז געווען געוועבט פֿון אַלטע לעגענדעס און פֿון קליינע קינדער׳ס אָטעם, בשעת זיי טרוימען שלאָפֿענדיג. בעמערקט האָב איך, ווי ווייסע־גרייסע, ווייכע־ווייכע, ווי פוך, שטיקער וואָלקענס־ליכט געהען רוהיג פֿון מזרח קיין מערב: עפּעס פֿיהרען זיי עמיצען .... שטערען גרויסע, מיטעלע און פּיצינקעלעך שפּאַנען זיי נאָך: עפּעס פֿיהרט מען עמיצען... איז נישט אַחופּה איצונד אויפֿ׳ן הימעל? ניין, נישט אויפֿ׳ן הימעל! חתן־כלה זענען אויף דר׳ערד געווען. פונ׳ם האָריזאָנט האָב איך זי געזעהן אויפֿגעהן. און אָנהאַלטענדיג זיך אָן די לבנה־שטראַהלען, איז זי מיט פֿערמאַכטע אויגען נאָכגעגאַנגען דער היילינגער מעלאָדיע, וואָס איהר פֿיעדעל־האַרץ האָט געשפּיעלט... אַ זיסער שלאָף האָט מיר טיעפֿע־טיעפֿע סודות אָנגעהויבען אַיינרוימען. מיינע איברים האָבען זיך איינס פֿונ׳ם אַנדערען אָפּגעטיילט, איינס דאָס אַנדערע האָט נישט גע־פֿיהלט, און איך האָב זיי קיינס נישט געפֿיהלט. און געזאַנג־פֿלינעל, שלאָף־אָטעם, הוידענדיגע־טרוימען האָבען מיך גענומען און געפֿיהרט... און געטראָגען — און געהוידעט — און געפֿיהרט. און הוידענדיג און אין הוואַליעס טרוימען שווימענדיג, האָבען מיר זיך ביידע דערפֿיהלט און אויף אַבליק האָבען זיך אונזערע אויגען געפֿענט: — צוויי פּאָר הימלען האָבען זיך געשפּאָלטען און דערזעהן. אין דעם אויגען־בליק האָב איך דער־זעהן אַ פּאָר שוואַרצע פֿלינעל דעם אַחר שפּאַלטען און אַוועק אין הימעל אַריין: מפיסתופל איז צוריק אויף זיין שטעל אַרויף. און אונזערע הערצער זענען אין אונזערע ליפּען אַריין, און אונזערע ליפּען האָבען זיך געשלאָסען...

ווען אַלע מענשען, זאָגט דער נסתר, וואָס האָבען געלעבט, וואָס לעבען און וואָס וועלען לעבען, וואָלטען בשעת מעשה דאָרט געווען, וואָלט יעדער האַרץ זיין פּאָר געפֿונען, זיי וואָלטען אונז דערזעהן, און ס׳וואָלט אַ ליעבע־שטראָם אַלע דורכגעטומען. זיי וואָלטען זיך צוקושט

און צו אונז זיך צוגעטולעט, די צווייטע צו זיי, די דריטע צו די צווייטע און אַזוי אָהן אַסוף... און דורך איין גרויסען הייליגען קוש, וואָלטען מענשען די נשמות אָבגעגעבען, — און דער מענשהייטס מצבה וואָלט נישט שטיין און האַלץ געווען, נור דער פערגליווערטער, ענג געשלאָ־סענער גוף פון דער מענשהייט אַליין...

וויפיעל אונזער קוש האָט געדויערט — געדענק איך נישט, נור ספּיסתופלען האָט דאָס געשטאָכען: הייליגע קושען זענען זיינע פּיאַווקעס, ער האָט באַלד ביי דער לבנה אַ שטראַהל צוגעגנב'עט, זי מיט האַס און קנאָה בעשמירט און צווישען אונזערע ליפּען דורכגעפיהרט. אונזערע הערצער האָבען דאָס דערפיהלט, און אונזערע ליפען האָבען זיך צונומען און ערשט דאַמאָלס האָבען מיר אונזערע גופים בעמערקט... איהרע אויגען — צוויי בלאָהע הימלען אַרומגעברויזט מיט וויעס־סודות. מענש! קוק אין זיי אַריין און זאָג, ס'איז כדאי זיין אַ מענש?! שלינג, מענש, איהר אָטעם. האָסט נאָך טענות, וואָס דו ביזט מענש געבוירען? נעהם אַרום איהר האַלז — זאָג, מען דאַרף מקנא זיין מלאָכים־כריסים? איך טולע זיך צו צו איהר גוף — ניין, גאָט, איך בייט זיך שוין מיט דיר אַליין נישט! — שיק דונערען, בליצען, האָגעל, שטורם־ווינטען: — איך בעהאַלט צווישען איהרע ברוסטען מיין קאָפּ און לאַך פון דיין „ב אָ אַ אָ"...

ווייכע גראָזען האָבען זיך געבעטען, מיר זאָלען זיך אויף זיי אַנידער־לעגען...

איך האָב אַ ציטער געטהון...
זי האָט מיך שטיל־שטיל אונטער איהר מאַנטיע גענומען...
פערשעמט האָבען מירביידע אין הימעל געקוקט...

— — — — — — — — — — — — — —

עס קריכט די צייט קוים־קוים: אַ רגע — אַ וואָך, אַ מינוט — אַ חודש... אין עטליכע מינוט אַרום האָט זי אַ שרעקליכען צאַפּעל געטהון און נישט מיט איהר קול אויסגעשריגען: „איך טראָג"!— וואָס? האָב איך נאָך שרעקליכער און העכער געפרעגט. „וואָס?" האָט מיר מיט אַ פראַגע געענטפערט דער ווילדער מדבר...

זי האָט דעם פנים אין איהר מאַנטיע בעהאַלטען... איך בין צו איהר צוגעגאַנגען, מיין האַנד אויף איהר אַקסעל אַרויפגעלעגט. זי האָט געציטערט און געוויינט. איך האָב איהר דעם קאָפּ געגלעט און בעטרייסט. זי האָט זיך אויפגעהויבען, שטיל אויף די קניע זיך אַראָב־געלאָזט. איך האָב זיך נעבען איהר געשטעלט. זי האָט די אויגען צום הימעל אויפגעהויבען און געפרעגט: „רבונו של עולם! וואָס טראָג איך און וואָס וועל איך געווינען?

און גאָט האָט איהר געענטפערט: „נישט קיין גאָט, אַ פּלאַנעטער,
דאָך מיט אַנ'עק, וועלען — נור נישט קאָנען"...
— טייערע אייבינקייט: וואָס טראָג איך און וואָס וועל איך געבוירען?
און די אייבינקייט האָט געענטפערט: „די אַנדערע פערשטירטע
זייט פון מיין שפּיגעל"...
און, נישט פערשטעהענדיג קיין הימעל=ענטפערען, האָט זי זיך
צו דער נאַטור געקעהרט: „וואָס טראָג איך און וואָס וועל איך געווינען?
דער ווינד האָט געענטפערט אויף זיין לשון „פוך=פך, פו=פאַ"... און
איז איבער געלאָפען.
די חוואַליעס פון'ם טייך האָבען געענטפערט אויף זייער לשון:
„בול=בול, בול=בול"... און זענען איבערגעשווימען.
און, נישט פערשטעהענדיג אויך זייער ענטפער, האָט זי זיך צו
מענשען געקעהרט. און געגאַנגען זענען מיר אין גריכענלאַנד, געקומען
זענען מיר צו די גריכישע געטינס הערא און אפרודיטא. און וואָס טהוען
גריכישע געטינס כיינאַכט, ווען קיין געטער זענען נישטאָ — ליגט מען
און מען דערצעהלט זיך מעשיות פון קדמונים, און אַז עס ווערט אומעדיג—
הויבט מען זיך אָן קיצלען אין די העלזער, אין די פאַחוועס און מען פער=
געהט ביז מיאוס=מיאוס... געטראָפען האָבען מיר זיי זעהר נישט שיין...
זי האָט צו זיי אָנגעקלאַפּט. זיי האָבען זיך דערשראָקען און דער=
פרעהט: געטער געהען: איך בין אין דרויסען געבליבען. זי איז אריין.
און אין אַ פּאָר מינוט צוריק אַרויס: זיי האָבען פון איהר געלאַכט און
מיאוסע ווערטער געזאָגט... אַ שטראָם בושה=בלוט האָט איהר אין פנים
אַ פליס געטהון און זי איז קוים ארויס...
אויפ'ן וועג האָבען מיר דעם אייביגען זשיד בעגעגענט... „זיידעניו,
וואָס טראָג איך און וואָס וועל איך געבוירען"? — האָט זי ביי איהם
געפרעגט — „אַנייעס, אַנייעם גלות, קינד מיינס"! — האָט ער איהר געענטפערט.
כריסטוס האָט זיך שטאַרק דערפרעהט: „דו טראָגסט אַ בעלן, מיין
טאָכטער, אויף מיין אונטערשט קלייד און אַ בייטש אויף מיין רעכטער באַק..
אויף בודאַ"ס שטערען האָט אַ גרויסער „גאָר=גאָרנישט" געשוועבט.
גערעדט האָט ער נישט און דערזעהענדיג אונז פון דערווייטענס, האָט
ער מיט די הענד צופיהרט: „גאָרנישט, גאָרנישט"... די מיטיש האָב איך
נישט געוואוסט, צי מדאָגט זי גאָר נישט, צי ווייסט ער גאָרנישט...
און עס האָבען זיך דערפילט איהרע טעג צו געווינען...
קוים=קוים אָנשפּאַרענדיג זיך אויף מיין האַנד, האָב איך זי פונקט צו
די ערשטע וועהען צו דער מערת=המכפלה געבראַכט, צו דער אַלטער

באָבע, צו דער געניטער באָבע, צו חוה'ן. מיט ציטערדיגע ליפּען האָט זי ביי איהר געפרעגט, וואָס וועט זי געבוירען. —

„אָט באַלד, טאָכטערוניע, וועלען מיר זעהן"...

אדם דער אַלטער האָט זיך נעבען אַרום געדרעהט. איך בין פון וייטען אַוועקגעגאַנגען...

—קולות ביטערע, האַרצרייסענדע... נאָר אָט איז שטיל געוואָרען... כ'לאָז זיך צוגעהן, נאָר די באָבע חוה מיט ווייסע שיך און נעקעלעך מיט'ן פערבויגענעם פאַרטוך לויפט מיר שוין אַקעגען. און „מזל-טוב" פון איהר און אַ קול'עכיל פון דאָרט האָב איך אינאיינעם דער-הערט. — מזל-טוב דיר, מיין קינד, —האָט זי מיט אַ ליעבליכען פנים געזאָגט און צו אדם'ן הינטען אַרום אַ זאָג געטהון: „צוויי טראָפּען אונזערע ה ב ל'ע עליו השלום...

— „באָבעניו, וואָס האָט זי געבוירען" ? —

—„וואָס הייסט „וואָס" ? אַ קינד, אַ מענש !

— טפו — אַ חלום האָב איך אויסגעשריען, די אויגען עפענענדיג.

און אויפגעהאַפּט האָב איך זיך 1906, 19 טען איז צעהנטען חדש, אויף דער X-טער פאַראַלעל.

# מ̇רְיָם.

(אַ פּירוּש אויפ'ן מאָטיוו פון .«Молитва Дѣвы»)

1.

....און אַז מרים האָט די פּרוכט פון גאָטס ליעבע אונטער איהר האַרץ דערפיהלט; און אַז מרים האָט דערפיהלט, אַז איהר האַרץ איז אַ וואַרעם נעבעט געוואָרען פאַר אַלע זינדיגע און פערשטויסענע, אַ מאַמע פאַר יתומים, אַ טרייסט פאַר געבראָכענע מוטערס, אַ מילדער, ליעבליכער שאָטען פאַר מידע, אַ הימעל פאַר געליעבטע און אַ ריינער, פרישער קוואַל פאַר'ן אייביגען וואַנדערער; און אַז מרים האָט דערפיהלט, אַז איהר האַרץ איז דער וועלטס און די וועלט איז איהרע··· אַז מרים האָט דערפיהלט, אַז זי טראָגט אַ גאָט אונטער איהר האַרץ···

און געווען איז דאָס אַרום שבועות־צייט אין איינעם אַ פאַר טאָג. אין דרויסען איז נאָך פינסטערלעך געווען. מען זאָגט, אַז אין דער נאַכט, ווער עס האָט זיין שטערען געזוכט, האָט איהם נישט געפונען: די הימלען פון אַלע עקען וועלט האָבען אויף זייער אָרט שטיקער נעפיל איבערגעלאָזט און אַליין האָבען זיי זיך צונויפגעקאַטשעט, צונויפגעקאָרטשעט און צונויפגעקנייטשט— פון אַ וויאָרסט איז אַ שפּאַן, פון אַ מייל — אַ אייל געוואָרען, און האָבען דאָס קליינינטשקע שטעדטעלע פון גליל, נצרת, בעלעגערט. זיי זענען געקומען קוקען.

שטיל איז אין דרויסען געווען. מען זאָגט, אַז אין דער נאַכט זענען אַלע שיפען אין מיטען ים שטעהן געבליבען. ווינטען האָבען אויסגעפעהלט. שטיל אָהן אַ גערויש, איינהאַלטענדיג דעם אָטעם, איינס פאַר'ן צווייטען זיך אָנהאַלטענדיג, זענען זיי צו נצרת געקומען און זיי ענג און שטייף אַרומגענגורטעלט. די בערג, וואָס אַרום נצרת, די אייניקלעך פון שניר און חרמון, ווי אין דעם הייליגען פריה־מאָרגען פון מתן־תורה, האָבען זייערע קעפּ מיט הימעל־טוי אויסגעצוואָגען, און זיי וואַרטען שטיל־שטיל און אונטערטעניג—גרייט נייע עשרת־הדברות אויסצוהערען··

און אַז מרים האָט דערפיהלט, אַז זי ווערט אַ גאָטס אַ מאַמע, ווייל זי אַ גאָט אונטער איהר האַרצען טראָגט, — האָט זי נעהאַלט מיט דעם ערשטען זון־בעוויז פון דעם פרישען ניי־געבוירענעם פריה־מאָרגען— איהר האַרץ, איהר תפלה־זכה פאַר'ן מאַטען אין הימעל אויסגיסען···

און פון אַ קליין בווערען־שטיבעלע האָט זיך אַ טיר געעפענט און

זי האָט זיך אויף איהר בעוויזען. פֿון די מיילער פֿון אלע וואַרטענדיגע און אַרויסקוקענדיגע האָט זיך אַרויסגעריסען: „אָם!" די נאַטור האָט א רגע⸗כמיטרא⸗ציטער געטהון און איז ווי פֿערגליווערט געוואָרען...

און פֿאַר איהר תּפלה האָט זי געוואָלט אין קוועלענדיגער לעבעדיגער קאַלט⸗פֿריש וואַסער פֿונ'ם זויבערען טייכעלע קישען, וואָס אונטער נצרת שלענגעלט זיך, שטיפֿט און קינדערש טאָג מיט נאַכט פליוסקעט זיך — זיך טובלען, און זי האָט זיך צום טייכעלע געלאָזט געהן. אַ פֿריש מילד ווינטעלע האָט זיך איהר פֿאַר די פֿיס געפּלאָנטעט, פֿערלאָפֿען און צוגע⸗לאָפֿען און די פֿאַלדען פֿון איהר ווייסער הייליגער מאַנטיע געקושט, געגלעט און געטולעט זיך, זיך בעטענדיג אויף ווינטיש⸗קינדער⸗לשון:

„מאַמע ליעבע, געהן פֿאַר דיר? —

„יאָ, קינד מיינס!" — האָט זי ווי געענטפֿערט, און פֿאַר אַ צולאָג אַ טוטער שטייבעלע, אַ ליעבליכעס אַ וואַרעמעס געשענקט.

און דאָס ווינטעלע איז אויף פֿריהער פֿערלאָפֿען, איז אַריין צווישען גרעזעלעך, בלומעלעך און כשרע הדסים'לעך און אַיילענדיג אָנגעזאָגט:

— זייט גרייט, זייט גרייט: גאָטס מאַמע געהט!

און זי איז געגאַנגען. די ערד האָט איהרע טריט געקושט און ווייער ווידער⸗קול געשלונגען. ווינטעלעך שנעקעלעך⸗ברעקעלעך האָבען זיך צו איהר געלאַשטשעט און מיט זיידענע⸗זיידענע, ווייכינקע⸗ווייכינקע וויקעלעך און ווינדעלעך איהר כשר האַרץ געוויקעלט. די לופֿט האָט איהר אָטעם געזויגען און געשמעקט. די הימלען און די הימעלשע מילד⸗סטעזשקע האָבען ערד און וועג מקנא געווען און האָבען קינדערש⸗זיס צו דער ערד צו זיך אַלאָז געטהון. פונקט ווי אַ קינד פֿונ'ם טאַטענס אין דער מאַטעס העמד אַריין, ווען זי זיי שוין אַקעגען שטרעקט: כלות⸗הנפש... —

און אַז זי האָט זיך צום טייכעלע דערנעהנטערט האָבען די פֿאַרביי⸗געהענדע חוואַליעכליך זיך אַ שטעל געטהון; אויף די פּנים'לעך פֿון די ווייטערדיגע האָט זיך פֿריהער וואונדער אויסגעדריקט, נאָכדעם האָבען זיי זיך אַלאָז געטהון אַ הין: „וואָס איז דאָרט"? אויף זיי קוקענדיג די דריטע, די פֿירטע, און אַזוי האָבען זיך די חוואַלעכליך אָנגעהויפֿענט און איהר אַקעגען געגאַנגען. אַ לאַנג⸗לאַנג נישט קיין אויסגעזאָגטער סוד האָט זיך פֿון מויל צו מויל איבערגעגעבן. אַ קדושה⸗גאַרטעל האָט די וועלט אַרומגענומען. אַ קליין ביסעלע אָטעם איז אויף דער וועלט געווען, און ס'איז דאָך געווען: די וועלט האָט אַ קליין קינדערש הערצעל געהאַט — פּאַמעליך—פּאַמעליך, טיק—טאַק ...

און אַז איהר ווייסער מיידעלשער זויבער⸗אַלבאַסטערנער גוף איז



מיט דער וועלט פּנים אל פּנים געק
אַ גרין⸗זיידענער ווייכער פּאַס בעוויזע
טייכעלע, וואו עס באָדען זיך די ווייס
פֿון גוטע בשורות, פֿון ליעב⸗און לויב
איידער זיי צו אונז בעווייזען זיך.

און אַז זי איז נאַקעט אַריין א
איידעל⸗איידעל איבער'ן טייכעלע גע
זויבער קאַלט פֿריש וואַסער, — האָט
דורכגעוואָרפֿען דורך איהר הייליגען מייד
מיטגעצאַפּעלט....

און אַז מרים איז פֿון דעם טייכ
זיך צוגאָסען אין אַלע איהרע איברים
אַ ווייסע לויב⸗ליעד צו דעם, וואָס לעב
אַלבאַסטערנע שרפים, וואָס שטענדיגען
אַלדעם בייז איהרע ריינע, ווייסע צאַפּל
ברוסטען—האָבען געציטערט פֿון פֿרישק
אַלע ברואים פֿון דער גאַנצער וועלט
משופּע'דיגען שטח ווייערען בעלאַגערט

און אַ פֿרישקייט, טונטערקייט
גאַנצער נאַטור צוגאָסען, פונקט ווי
בראשית...

און מרים איז פֿונ'ם טייכעלע אַ
אַ לאָז געטהון: קומט זשע קינדערלעך
וועלט צוטראָגען, ווייטע שטעדט און

אין דרויסען האָט אָנגעהויבען טאָג
געהערט...

און אַריין אין וואַלד איז מרים ת
און מרים האָט דעם פּנים צו מ
קניע געשטעלט, די הענד צונויפֿגעלעג
לענט, דעם קאָפּ אויפ'ן רעכטען פֿער
אַריין געטהון...

און איהרע אויגען זענען אין
אין איהרע אויגען... זיי האָבען איי
פֿון זייערע הערצער געעפֿענט, און —
אַרום שוין יאָהרען לאַנג זענען זיך אָנג
וועג געפֿונען: פֿון איהרע אויגען גלייך

מיט דער וועלט פנים אל פנים געקומען, האָט זיך אויף צפון זייט אַ גרין=ויידענער ווייכער פאַס באַוויזן, דער שפיגעל פון'ם הימעל=טייכעלע, וואו עס באָדען זיך די ווייס פוך=ריין געפליגעלטע מלאכים'לעך פון גוטע בשורות, פון ליעב=און לויב=געזאַנג און מאָרגענשטערענדלעך, איידער זיי צו אונז באַווייזען זיך.

און אַז זי איז נאַקעט אַריין אין דער מאָרגען=טוי, וואָס האָט איידעל=איידעל איבער'ן טייכעלע געשוועבט, דערנאָך אין דער לויטער=זייבער קאַלט פריש וואַסער, — האָט אַ זיסער ציטער, אַ כשרער, זיך דורכגעוואָרפען דורך איהר הייליגען מיידעלשען גוף. די גאַנצע וועלט האָט מיטגעצאַפּעלט....

און אַז מרים איז פון דעם טייכעלע אַרויס, האָט אַ פרייד, אַ זיסע זיך צוגאָסען אין אַלע איהרע איברים: דער הייליגער גוף איהרער איז אַ ווייסע לויב=ליעד צו דעם, וואָס לעבט אייביג, געוואָרען. און די צוויי אַלבאַסטערנע שרפים, וואָס שטענדיגען אויף איהר האַרץ, דאָס היטען פון אַלדעם בייז איהרע ריינע, ווייסע צאַפּלענדיגע פון פרישער יוגענד, איהרע ברוסטען—האָבען געציטערט פון פרישקייט און פרייד. און די נשמות פון אַלע ברואים פון דער גאַנצער וועלט האָבען דעם גלאַט=סאַמעטענעם משופּע'דיגען שטח זייערען בעלאַגערט און געציטערט און געפלאַטערט...

און אַ פרישקייט, מונטערקייט און חדוה האָט זיך איבער דער גאַנצער נאַטור צוגאָסען, פונקט ווי אין די ערשטע טעג פון מעשי=בראשית...

און מרים איז פון'ם טייכעלע אַרויס. די תוואַליעכלעך האָבען זיך אַ לאָז געטהון: קומט ושע קינדערלעך טייערע, לאָמיר דאָס אויף דער וועלט צוטראָגען, ווייטע שטעדט און לענדער דאָס דערצעהלען.

אין דרויסען האָט אָנגעהויבען טאָגען. אין הימעל האָט זיך שיר היחוד געהערט...

און אַריין אין וואַלד איז מרים תפלה טהון...

און מרים האָט דעם פנים צו מורח אויסגעקעהרט, זיך אויף די קניע געשטעלט, די הענד צונויפגעלעגט און אויפ'ן לינקען אַקסעל גע=לעגט, דעם קאָפּ אויפ'ן רעכטען פערוואָרפען און די אויגען אין הימעל אַריין געטהון...

און איהרע אויגען זענען אין הימעל געווען און דער הימעל אין איהרע אויגען... זיי האָבען איינס פאַר'ן אַנדערען די מויערען פון זייערע הערצער געעפענט, און — אַזעלכע תגלות, וואָס בלאָנדזשען אַרום שוין יאָהרען לאַנג זענען זיך אָנגעלאָפען: זיי האָבען דעם רעכטען וועג געפונען: פון איהרע אויגען גלייך אין הימעל אַריין פון'ם ערשטען אין

גוויטען, פון׳ם צווייטען אין דריטען ביז׳ן כסא־הכבוד צו, און — זיי בעקומען „תקון״...

און מרים האָט דאָס מויל געעפענט און האָט אַזוי געזאָגט:

## II.

— הימעל און ערד, פעלדער און וועלדער, ימים און מדבריות, קומט אַהער און העלפט מיר בעטען! געבראָכענע מאַמעס, עלענדע קינדער — קלאָגען־יאָמערען, קומט העלפט מיר! אייביגע פאָטערס, אַברהם, יצחק, יעקב! גרויסער פאַסטוך, משה! טייערע מוטערס, רחל און חנה! קומט אַהער און האַלט אונטער מיין געשריי! דערשטיקטע געשרייען, שטומע יללות, דערוואָרגענע טרעהרען, נישט קיין אויסדערצעהלטע צרות, נישט קיין אויסגעוויינטע וועהטאָגען! קומט אַהער — לאָמיר גאָט בעטען!...

און דו, עלענדע און בלינדע יתומה, דו וועלט, קום אַהער, לעג אַרויף דיין האַנד אויף מיין אַקסעל און איך מיינע אויף דיר און לאָמיר איינע אין דער צווייטערס שויס אונזערע טרעהרען אויסגיסען! לאָמיר פאַר דעם טאַטען אין הימעל אונזערע הערצער אויסדערצעהלען, איהם בעטען — בעטען — אוי, אפשר וועט ער שוין רחמנות האָבען! פון דיין אויג די טרעהר אָבווישען, דיר די ליכטיגע שיין שענקען און דעם ריכטיגען וועג ווייזען...

און איהר, טייערע פון געבעט, עפענט זיך! און איהר, ווייסע טייבעלעך, קינדערשע נשמה׳לעך, גוטע מליצים׳לעך, טראָגט צו מיין תפלה צום טאַטען אין היכל! דאָס געשריי פון אַלע געבוירענע און פערלוירענע פון אַמאָל, פון איצט און פון שפעטער איז מיין געשריי... וויי־יאָמער איז מיינער...

טאַטע אין הימעל! מיר פרעגען דיך:—

צי האָסט דו געפרובט אַ הימעל אויף דיין קאָפּ טראָגען און נישט ווייסען, וואָס אין איהם טהוט זיך? אַ ערד אונטער דיינע פיס — און נישט ווייסען, אויף וועמעס וועלט דו געהסט אַרום? צי האָסט דו געפרובט אַ נאַכט אין דיין האַרצען טראָגען, האָבען און נישט ווייסען, ווי איהם אָנצורופען, צי האָסט דו געפרובט דיין זיין בעווייגען און דאָך פאַר נישט־זיין מורא האָבען?

ליעבער האַרציגער פאָטער, ענטפער מיר!...

טאַטע אין הימעל! צי ביזט דו אַמאָל אַ כאַמע געווען, צי האָסט

דו געפֿיהלט דעם זיסען צער פֿון אַ מוטער, פֿון נשמות אויף דער וועלט ב ר י י נ ג ע ן , זיי לעבען ג ע ב ע ן , כדי זיי זאָלען אויף איהר קבר ק ד י ש ז אָ ג ע ן , און דאָך מיט פֿאַרהאַפטען אָטעם, מיט מעלטיגער ליעבע זיי איידעל און שטאַרק צו דער אייגענער ברוסט זיי דריקען? צי זיהסט דו דעם צער פֿון די שוואַרצע אבלות, פֿון די פֿינסטערע וויסטע נעכט, וואָס זיצען שבעה נאָך די פֿערגאַנגענע טעג? צי פֿיהלסט דו זייערע חבלי־לידה, בשעת זיי נייע טעג אויף דער וועלט ברייגנען?...

טאַטע און הימעל, האָב רחמנות!...

צי פֿיהלסט דו, וואָס הייסט טראָגען און טראָגען און אַ נפֿל'ע געבוירען? צי פֿיהלסט דו דאָס האַרץ פֿונ'ם שטומען שטורם־ווינט, וואָס רייסט זיך פֿון דער הויט ארויס, וואַרפֿט זיך, בייסט זיך מיט שטומען כעס און—אָט האָט ער זיך פֿון זיין קייט דאָרט ערגיץ אין דער מדבר אָבגעריסען, יאָגט זיך מיט איםפעט, רייסט, פֿליקט, ברעכט, וואָרצעלט אויס אַלעס, וואָס איהם אויפ'ן וועג בעגעגענט זיך, און פֿליהט, און פֿליהט, אַהין אַהין, צום מענשען דאָרט: ער וויל, ער וויל געביך אויס־זאָגען דאָס וואָס האָט אַזויפֿיעל יאָהרען, אַזוי פֿיעל יאָהרען אין זיין שטומער שויס געטראָגען: אָט־אָט! און אָט איז ער געקומען און — שאַ... ער איז צו נישט געוואָרען? און אַקליין רעגענדעל טהוט אַ געה און שווינקט אָפּ די סימנים פֿון זיינע טריט... א זון טהוט אַ שיין און מענשען בלייבען ווייטער און דער פֿינסטער?...

צי פֿיהלסט דו דעם צער פֿון די גרויסע וועלטס־קינדער, פֿון דעם נביא און משורר, וואָס טראָגען נאָט און זייער האַרצען און זיין וואָרט אויף זייערע ליפען, און זייער גאַנץ לעבען־שאַפֿען איז אויף דעם וואָרט אַ פירוש און זיי טייטשען און זיי טייטשען, און נאָטס וואָרט בלייבט אַלץ נישט אויסגעטייטש? און אין די לעצטע מינוטען זייערע פֿון די גוסס־דיגע אויגען קוקט אַרויס מיט צער און וועהטאָג — אוי! — דאָס נ י ש ט אַרויסגעזאָגטע, און די לעצטע ווערטער זייערע זענען: „און עס וועט קומען אַ צייט"... צי פֿיהלסט דו דעם צער פֿון דער עקרה? צי פֿיהלסט דו דעם עלענד פֿון דעם פוסטען בוים אין דער מדבר? צי פֿיהלסט דו, וואָס הייסט: „און אַז יעקב אבינו האָט בעדאַרפֿט שטאַרבען, האָט ער צונויפֿגערופֿען זיינע קינדער און האָט זיי דעם קץ געוואָלט מגלה זיין — האָט זיך די שכינה פֿון איהם אָבגעטהון"... דו הערסט, — „האָט זיך די שכינה פֿון איהם אָבגעטהון"?....

טאַטע אין הימעל! דו פֿיהלסט דאָך דאָס אַלעס, דו פֿערשטעהסט דאָך דאָס אַלעס, טאָ הער זשע מיך אויס...

הער־זשע, ליעב־האַרציגער פֿאָטער, מיך אויס... פֿערנעהם מיין

געבעט! — און בעטען בעט איך דיך, אַז אין דער צייט, ווען איך וועל דאַרפֿען געבוירען, אין דער צייט, ווען די ערשטע וועהען וועלען מיר אַ נעהם טהון — זאָל דער הימעל זאָגען און דער ווינד צוטראָגען פֿון איין עק וועלט ביז דער צווייטער:

געקומען איז די צייט, געקומען איז די שעה!
אַ גאולה געהט! משיח איז דאָ!

און פֿון דיין ערד זאָל שוין אָפּגעמעקט ווערען די ממשלה און דער זכר פֿונ׳ם שטן...

.................................................................................

וואָס איז? וואָס איז דאָרט? וואָס איז פֿאַר אַ רעש אין וואַלד געוואָרען? וואָס איז פֿאַר אַ שוואַרצע חופּה אויפֿזיין קאָפּ? וואָס איז פֿאַר שוואַרצע שטיקער וואָלקענס פֿון אַלע זייטען יאָגען זיך צום וואַלד צו?

סמאל איז דאָ!

און, ווי זי האָט דאָ אַזוי אויף איהר קינד׳ס אָנהויב געבעטען, האָט ער איהר זיין סוף פֿאָרגעשטעלט:

.................................................................................

ס׳איז פֿאַר נאַכט... ס׳דאַכט זיך, אַז ביי דער נאַטור איז היינט יום־כּפּור... זי איז דעם גאַנצען טאָג אין תענית געזעסען, און נאָכ׳ם געצעלט דעם גאַנצען טאָג ליכטיגע און וואַרעמע תּפילות און תּחנונים געגאָסען און איצונד — מיט פֿערשטאַכטע ליפּען אוי אַ ריין זיס האַרץ — יענעמס זינד פֿאַרגעבען, אויף זיך מחילה געבעטען, קיינעם ניט שולדיג, ביי יענעם ניט מאָהנט — בנעימות־שטיל לאָזט זי זיך אַ היים געהן...

דער טאָג געהט אונטער אין די זון זעצט זיך...

און די וועלט, די לייזענדע מאַמע. זיצט אויף די טרעפּ פֿון נאָטס שול, דאָס זיידענע טיכעל אויף דעם געקנייצטען שטערען געראָקט, און מילד און ליעבליך זיצט. זי זיפֿצט אויס דאָס געקיהלטע האַרץ, אויקעט אויס דעם שווער צובראָכענעם געמיט...

פֿון ערגיץ אַ ווייט קומט אַ ווינטעלע און גנב׳עט זיך איהר אַרונטער אונטערען טיכעל, קיהלט איהר דעם האַלז און אקען, קושט איהר די מאַמישע באַקען, איהרע מידע אויגען און רוימט איהר איין: נחמה־נחמה... זי טהוט אַ טיעפֿען אָטעם־זיפֿץ, דאָס ווינטעלע טהוט זיך אַ ריסען שלינג איין אין איהר ברוסט, און קושט דאָס ליעבע האַרץ דאָרט אָן און עס געהט ארויס צוריק אַזוי בנעימות־רחמנות׳דיג:

„העלף שוין, טאַטעניו זיסער, העלף"...

און מיט אַ פֿרומען פּנים, מידע און גלויביגע אויגען, זיצט די וועלט, טראַכט אריין אין הימעל און קוקט אַרויס אויף שטערען...

דער טאָג פֿערגעהט... די זון געהט אונטער... ס'איז אין ירושלים... אויפֿ'ן בארג גלגלתא... אויפֿ'ן דריטען פֿאַר נאַכט...

די קאַלטע אַייזערנע צוועקעס האָבען זיך שוין אין זיין ליעב לייב אָנגעוואַרעמט. עס געהען שוין די לעצטע טראָפּענס בלוט .... און ס'פֿילט זיך אָן אַ טראָפּען און וואַקסט, און וואַקסט און וויל זיך נישט שיידען פֿון די איינציגע, לעצטע, הייליגע ברודער־טראָפּען .... שטעהט שטעהט — דערנאָך טראָאָאָאָאָפּ... און די ערד נעהמט איהם אַקעגען: האָפּ— אַ סליחה! ... טראָאָאָאָאָפּ ... האָפּ — אַ מחילה! ....

דער שיינער קאָפּ, דער הייליגער איז אויף דער לינקער ברוסט אַראָבגעלאָזט... דער געטליכער ווייסער שטערען איז פֿערשאָטענס: מען זעהט אויף איהם דעם שאָטען פֿון אַ שוואַרצער מחשבה, וואָס נעהמט איצונד אין גאַנצען ... די שוואַרצע סענשעלעך פֿון זיינע אויגען האָבען טיעף־טיעף אין קאָפּ אַריין געטראַכט די לעצטע ערדישע מחשבה פֿון טאַטע און זוהן, שלאָס און שליסעל, איינס און אַלעס, שטעהענדיג מיט צולאָזטע פּאָלעס, מיט פֿראַגע־וואונדער־שרעק אויגען צווישען פֿערשייטע ווינטען אין מיט'ן וועג, וואו עס צו געהען זיך די איביגע סטעזשקעליך, אויף וועלכע דער שטומער בין־השמשות, די וועלט־אלמנה, אַרומגערינגעלט מיט איהרע וועלט־יתומים בלאָנדזשען שוין יאָהרען־וועלטען לאַנג...

מיעד האָבען זיך די וויעס אויף די אויגען אַראָבגעלאָזט ... די ווייסליכער, די אָפּענע האַלב פֿון זיינע אויגען, האָבען זיך פֿון דער וועלטס פּנים אָבגעקעהרט און זעהען איצט דאָס טאָוסטע, די שאַנדע פֿון דער וועלט, דעם אָרט פֿון מענשליכער אומערן־גלוסט־סלאַנע און פֿרייד־טרעהרען פֿון סמאַל'ס געלעכטער,

די וועלט האָט דעם קוק דערפֿיהלט און שעמט זיך, טולעט זיך, קנייטשט זיך און רוקט זיך אַרונטער—

אומזיסט! — די אויגען קוקען, קוקען און זעהען ...

אַ מאָל טהוט אַ ציטער זיך אַ וואָרף דורך דורך זיין אַקסעל.... דאַן הויבען אָן די מיסע ליפּען, וואָס טריפֿען ליעבע און טרייסט, זיך בעטען און חלש'ען איינע ביי דער אַנדערער האַרציג־רחמנותדיג — אַ טרונק: און אַז זיי בלייבען אַלץ טרוקען—קוסט אַ זיס שמייכעלע, אַ יתומ'ל פֿון צער, און קושט זיי און שמייכעלט מיט זיי: מוחל, מוחל! ....

נאָר אָט האָט אַ שאַרף־שפּיציג הערעלע־שטראַהלעכיל, אַ לעצטס, זיך אַ קוים־קוים ריהר געטהון אין די שפּיץ האָר פֿון זיינע וויעס: עס האָט געמיינט זיך פֿערטשעפּען דאָרט און דעם טאָג פֿערהאַלטען, נור

אַ שרעקליכער קראַמפּף־וואָרף האָט דאָס איבערגעשראָקען.... ס'איז באַלד מיט אַ דערשראָקען פּנים'ל צו דער זון צו. זי האָט דאָס גיך אונטער איהר נאַכט־פֿאַרטוך געגומען, זיך און דאָס היילענדיג: גיך, קום אַוועק פֿון דאַנען! .... שרעקליכעס וועט דאָ געשעהען ...

באַלד איז די וועלט־אַלמנה, אײַנגעהילט אין איהר שוואַרץ אבלה־טיכעל צו זיינע פֿיס געפֿאַלען ...

— טאַטע אין הימעל! פֿאַר וואָס האָסט דו מיך פֿערלאָזט???

דער ווייזער פֿונ'ם וועלט־זייגער איז צו אַ שעה געקומען.... שטערען אין הימעל צוריקען זיך און מאַכען אַנ'אָרט ...

די צייט האָט אַ זיפֿץ געטהון: זי האָט אַ גראָהע האָר אין קאָפּ און אַ קנייטש אויפֿ'ן פּנים — בעמערקט; און אין אָנדענק האָט זי אין אַלע איהרע שמאָכטעס: — פֿינגערלעך, רינגעלעך און בריסלעטעלעך אַ קאַרב געבאַכט ...

מענשען האָבען די אַלטע חשבונות אונטערגעצויגען און אָנגעהויבען צעהלען פֿון איינס ..

— מאַטע אין הימעל! פֿאַר וואָס האָסט דו מיך פֿערלאָזט???....

.......................................................................

שאַ—שאַ—שאַ.... אַ חלשות־שטילקייט האָט זיך אויף דער גאַנצער נאַטור אויס געגאָסען.

די געטליכע מוטער האָט די אויגען געשלאָסען און איז אויסען געבליבען . שאַ—שאַ ... אָט געהט זי אויס...

און סמאל האָט אַ ווינק געטהון — און ווינטעלעך האָבען שאַרפֿע ריחות פֿונ'ם פֿעלד געבראַכט, איהר אין פּנים אַ פֿרישען ווער געטהון....

זי האָט די אויגען געעפֿענט: „האַ"? „וואָס"? און ווייטער — שאַ—שאַ...

און עס וואַרט די טיעפֿע שטילקייט אויף אַ גרויסען מעכטיגען דונער... נאָך אַ וועה—און מרים האָט זיך מיט אַ מאָל אויף די פֿיס אַ שטעל געטהון: —

„האַ! הימלען! זאָגט נור, ווער איז דאָרט איצט אין אַייך? ווער זיצט דאָרט אויף דער שטוהל איצונד, — „ער", צי זיין שונא"??—

און אַ שטורם האָט אַ דרעה געטהון און האָט הימעל און ערד אויסגעמישט....

„מיין קינד — אַ ז אַ סוף!...

נאָט! אָדער זייא דיין גזרה באַלד מבטל, אָדער (שפּיל זיך נים מיט קיין מאַמע) איך מאַך דיר פֿון דיין וועלט תהו ובהו!! — איך לאָז זיך אויף דיין וועלט געהן. און וואו נור מיין פֿוס דאָרט טרעט און אוי,

וואָס מיין אויג ניט קוקט ,—ווערט מדבר, תל, ווי מיט זאַ־ פערזייהט ! ; און איך פערזייה אויף אַלע וועגען און אַלע שליאַכען : סכּק , אונגלויבען און גריטצאָרן··· און איך קום צו אַלע דיינע ברואים, צו מענשען, בהמות, חיות, עופות , שרצים און זאָג זיי : „מאַמעס ! גאָט אין הימעל לאַכט פון אייך ! מאַמעס ! גאָט אין הימעל שפּעט פון אייער ליעבע" !··· און ערגיץ וואו אין אַ האַרץ, אַז איך בעמערק אַ ליעבע=בלום דאָרט וואַכסט , — שיק איך אַהין מיינע ספק=נעגעל און אונ׳ברחמנות׳דיג רייס און צופּ זי אויס !··· אויף וועמעס באַק אַ רויט רויזעלע פון ליעבע=בושה שפּראָצט , — מיין עין=הרע שיק אַהין און פליק דאָס מיט׳ן וואָרצעל אויס !···

און איך נעהם—און פון אַלע מיידלעך רייס די טראַכטען אויס און וואַרף זיי פאַר די הינט···` און האַלט זיך דיר מיט דיין וועלט און האָב דיר אַ וועלט , נור אָהן··· אָהן מאַמעס !״···

און מרים האָט דעם קאָפּ אין דער שויס פון׳ם וועלט=צער בע=האַלטען און האָט ביטערליך , ביטערליך געוויינט ···· ווינטען האָבען מיט=געוויינט — און אַ שטורם האָט זיך אַ דרעה געטהון און האָט הימעל און ערד אויסגעמישט ···

און סמאל האָט פון׳ם ווינט געערדט :

„אומגליקליכע מוטער ! הער ווייטער :— און דאָס בלוט פון דיין קינד, אַזוי דעם נביא׳ס, וועט זידען , קאָכען און נקמה מאָנען, און לעשען, שטילען דאָס וועט נישט קיין חזירש — מ ע נ ש ע ן ב ל ו ט" ····

און ער האָט פאַר איהר דעם היסטאָרישען פאָרהאַנג פערקאַטשעט ····

.......................................................................

און ווייטער האָט סמאל געזאָגט :

„האָב זשע רחמנות , די מוטער , אויף דיר און אויף דיין קינד , אויף יענע מוטערס און זייערע קינדער"···

און ווען מרים האָט, פול מיט וואונדער אין די אויגען זיי ברייט געעפענט און אויף סמאל׳ן אַ קוק געטהון :

— וואָס הייסט , א י ך זאָל רחמנות האָבען ? — האָט ער מיט׳ן קאָפּ געשאָקעלט פון אויבען אראָב , ס׳הייסט : יאָ , יאָ ! ס׳איז ביי דיר די ברירה , ביי דיר אין דער האַנד : — איין שטעק פון אָט אַ דעם - און די וועלט ווערט פּטור פון אויף דורות אַ געוויין···

און דאָ האָט ער איהר אַ גרעזעלע בעוויזען , און די האַנד זיינע האָט דאָס איהר אויף אַ שטעק טהון שוין דערלאַנגט···

אַ שאַרפער קוק פון מרים׳ס אויגען האָט זיין האַנד אַ קלאַפּ געטהון··· זי איז ווי פּאַראַליזירט צו זיין גוף צו געפאַלען··· און דאָס גרעזעל האָט זיך ווייטער אַ מאָל בעוויזען····

און דער גרויסער ספק פון אַ גאָט געבוירען, אָדער אַ גאָט פערלירען האָט אין איהר געברויזט ... מאַמע און מאַמע האָבען זיך אין איהר געראַנגעלט ... און דאָס גרעזעלע איז מיט כשוף פול און ס'בעט זיך האַרציג רחמנות'ריג ···

ווינטען האָבען געוואַרט ....

און אַ קול האָט זיך געלאָזט הערען:

„אַוועק, אַוועק, דו גאָט'ס שונא! אַוועק דו גאָט'ס לעסטערער! דאָס רעדסט דו צו אַ מאַמע?! .... מיין מאַמע אין הימעל! איך נעבמיר איך געבויר, מיין קינד! אין זיין בלום נעהם אויף מיר: זאָל אויף מיר, אויף מיין קאָפּ פאַלען, נור דער וועלטס? —

...... ...............................................

...........................................................

...........................................................

.... .... .... .... .... .... .... .... .... .... ....

און אַ שטורם־ווינד האָט זיך פון דער מדבר סאַהאַראַ אַרויסגעריסען: אוך־אוך, אוך־אוך — און איז אין דער מדבר פון ערב אַריין: מיוק־מיוק, מיוק־מיוק — און איז אין דער מדבר פון יהודה געקומען: או־או, או־או — און ער איז דאָ···

דאָס זענען רוחות, שדים מיט לילית בראש אויף אַ שד'ישע פליגעל געקומען. לילית איז אַראָב, דעם פערטומעלטען סמאל'ן אונטערן אָרעם אַ נעהם געטהון, און אין דעם שדישען רעדעל־טאַנץ אַריין געחאַפּט.

און פון דעם שטורם האָט זיך זיין קול, ווי פון אַ פערוואונדעטען לייב געהערט: — שדי! שדי! אַ קללה אויף דעם פאַסטוך! אַ קללה אויף דער משערעדע! נקמה וועל איך פוןביידע, פון ביידע נעהמען! — און איז נעלם געוואָרען ..

III.

די הימלען זענען זיך צונאַנגען. די בערג האָבען זיך צונומען, און פון די ווינטען איז יעדערער אויף זיין אָרט געקומען···

און הינטער די פלייצעס פון'ם וואַלד איז אַ בלוטיגע זון אויפגעגאַנגען... מרים האָט אַ ניישט געזעהן···

און אַז אַ האָט זיך געלאָזט אַ היים געהן, איז איהר אַ קליין זמער־רישעדעל אַ קעגען געגאַנגען··· און געזעהן האָט זי, ווי אויף די בערג פון גליל גערם שוין דער בוימר דעם אַקער נאָך··· און אַז זי איז נעהענטער געקומען האָט זיך איהר אַקעגען געטראָגען דאָס זיסע גאַלילייאישע בוימער־ליעדעלע:

בויערטלעך , פויערטלעך
פֿון גליל און יהודה !
נעהמט פעקעלעך און זעקעלעך,
זוימענדלעך און קערענדלעך —
אין טאָלעכֿלעך , אויף בערגעלעך ,
אין פֿעלדעלעך , אין וועלדעלעך —
זייהט=זשע זיי , פֿערזייהט=זשע זיי , —
זעהט !
אַ שפראָצעלע , אַ הצלחה׳לע ,
אַ רעגענדעל, אַ ברכה׳לע —
פֿונ׳ם הימעל געהט ...

און אין דער צייט האָבען זיך שוין אויף די ווייטע הויכֿע בערג גע־זעהן די פֿיס , און אין די סביבות פֿון יהודה און גליל האָט זיך שוין גע־הערט דער קול פֿונ׳ם גרויסען מבשר, פֿון יוחנן המטביל : —

זייט גרייט , זייט גרייט !
משיח געהט !!

---

151121